# זאמעל=אקציע אין ווארשא צו פערענדיגען דעם אויפבוי פון בית=המדרש פון היהודי הקדוש ז"ל אין פשיסכא

ב"ה צו אלע יודען אין ווארשא ה"יו:

ווי ס'איז אייך געוויס בעקאנט ארבייט איך שוין איינע יאהר אין דעם גרויסען ענין פון אויפשטעלען דאס בית-מדרש פונ'ם הייליגען יוד הקדוש זלה"ה אין פשיסכא, וועלכעס איז אפגעברענט געווארען זייט העכער פערציג יאהר, און גרינדען אין דאזיגען בית המדרש א ישיבה אויפ'ן נאמען פון יוד הקדוש זלה"ה. בעזהי"ת איז מיר געלונגען דאס בית-המדרש אויפצובויען און אין פאריגען סוכות תרצ"ד אין יאהר-צייט פונ'ם יוד הקדוש ז"ל האט מען שוין אנגעהויבען דארט צו דאווענען. אבער עס פעהלט נאך יעצט א געוויסע סומע דעם בנין צו פערענדיגען, אויסצופערטיגען די אינערליכע איינריכטונגען און צו גרינדען דארט די ישיבה.

צו דעם צוועק בין איך יעצט געקומען קיין ווארשא אדורכצופיהרען א זאמעל-אקציע צו פערענדיגען די גרויסע זאך, דאס ווארשאווער יודענטום — איסער אייניגע יחידים — האבען זיך ביז יעצט נאך נישט בעטייליגט אין דעם ענין און איך האף דעריבער אז עס וועט נישט זיין קיין איין יוד, וואס זאל נישט וועלען האבען זיין חלק אין דער מצוה, בפרט ווען עס האנדעלט זיך נישט וועגען קיין גרויסע סומע, און יעדער איינער קאן זיין דעריין בעטייליגט, אזוי ווי עס שרייבען אין זייערע בריעף אלע גדולי וצדיקי דורכנו אז יעדער דארף זעהען צו האבען א חלק אין דער גרויסער הייליגער זאך.

און וויל עס איז מיר אונמעגליך און איך בין נישט מכח צו בעזוכען יעדען אין דער היים, בעט איך נאך שטארק פון יעדען יוד וואס וויל זיך משתתף זיין אין דער מצוה, ארויפצוקומען אליין צו מיר אין דער וואוינונג, אדער ווען ס'איז איהם שטארק שווער — צו בעזארגען דורך א שליח.

מיין וואוינונג אין ווארשא איז שווארדא 12 ביי ר' מאטיל זאוולאדאווער, און איך געפין זיך דארט פון 8 אין דער פריה ביז 2 נאכמיטאג און פון 7 ביז 11 ביינאכט.

איך בעט נאך אמאל אלע יודען, ביי וועמען עס איז טייער דער כבוד און דער זכר פונ'ם הייליגען רבן של ישראל היהודי הקדוש ז"ל, אז זיי זאלען זיך נישט אפזאגען און ארויסקומען אין מיין וואוינונג כדי זיך משתתף צו זיין אינ'ם גמר פון בנין, ואין המצוה נקראת אלא על מי שגמרה. וזכות רבינו היהודי הקדוש ז"ל תעמוד לנו שנושע בכל טוב בכלל ובפרט ובישועה קרובה לכל ישראל אמן.

המבקש והמעתיר
ישעי' בהרב הקדוש ר' יעקב דוד זי"ע מאמשינאוו.
חתן הה"ק ר' מאיר זצללה"ה זי"ע מפרשיסחא.

בעמערקונג: איך בעט די פערזאנען וואס ווילען מנדב זיין די אינערליכע איינריכטונגען פון בית המדרש ווי אנ'ארון קודש, א. אז. וו. זיי זאלען זיך ווענדען צו מיר, אויך ווערט געבעטען צו שענקען פערשידענע ספרים לטובת דעם בית מדרש פון יוד הקדוש זצלל"ה. אויף יעדער זאך וועט איפגעשריבען ווערען דער נאמען פון מנדב.